א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

283 | פרשת בהעלותך | תשע"ט

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א רמז אויף די זיבן קרואים

**"וָאֶתְּנָה אֶת הַלְוִיִּם נְתֻנִים לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲבֹד אֶת עֲבֹדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּאֹהֶל מוֹעֵד וּלְכַפֵּר עַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא יִהְיֶה בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נֶגֶף בְּגֶשֶׁת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל הַקֹּדֶשׁ"** (ח יט)

**רבי דוד עידאן פון דזשערבאַ האט געזאגט:**

אין דער פסוק ווערן דערמאנט "הַלְוִיִּם" און אויך: "לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו" - איינמאל, און: "בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" - פינעף מאל; מיט דעם האט די תורה מרמז געווען אויף די סדר פון די זיבן קרואים וואס זענען עולה צו די תורה יעדן שבת אזוי ווי די חכמים האבן מתקן געווען: כהן, לוי און נאך זיי פינעף ישראלים. אויך איז דער פסוק מרמז אויף די הלכה וואס איז גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח קלה ח) אז ווען עס געפינט זיך נישט א לוי אין שול, איז דער כהן עולה נאכאמאל אנשטאט דער לוי, אזוי ווי עס שטייט: "הַלְוִיִּם נְתֻנִים לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו" - אויך אין די עליה פונעם 'לוי' האט דער כהן א טייל, ווען דער 'לוי' געפונט זיך נישט אין שול.

'משכיל לדוד' ח"ב עמ' טז

### צודעקן די מעסער ווען מ'בענטש בייناכט

**"וּבְיוֹם הָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן כִּסָּה הֶעָנָן אֶת הַמִּשְׁכָּן לְאֹהֶל הָעֵדֻת"** (ט טו)

"פון וואו ווייסט מען אז מ'בויעט נישט דעם בית המקדש בייناכט? ווייל עס שטייט: 'וביום הקים את המשכן' - בייטאג שטעלסטו עס אויף, בייناכט נישט" (שבועות טו ב)

אין הלכות סעודה פסק'נט דער מחבר (או"ח קפ ה): "מ'פירט זיך צודעקן דעם מעסער בשעת'ן בענטשן, און מ'פירט אז שבת און יום טוב דעקט מען נישט צו". דער 'מגן אברהם' ערקלערט דעם טעם (שם ד): ווייל מיר ווייסן אז דער שולחן איז דומה צו דער מזבח (ברכות נה א), וואס אויף דעם איז געזאגט געווארן (דברים כז ה): "לֹא תָנִיף עֲלֵיהֶם בַּרְזֶל" (רוקח סי' שלב). אבער שבת און יום טוב וואס מ'בויעט נישט דעמאלטס די מזבח (יבמות ו א), איז נישט שייך דער טעם, דעריבער דעמאלטס פארדעקט מען נישט די מעסער.

לויט דעם קען מען פרעגן, פארוואס ווען מיר בענטשן בייناכט דעקן מיר צו די מעסער, פונעם זעלבן פסוק לערנען מיר דאך אויך ארויס אז בייناכט בויעט מען נישט דעם משכן, און לכאורה אויך דער מזבח איז אריינגערעכנט אין דעם איסור?

דער רב פון ירושלים **רבי צבי פסח פראנק** ברענגט פון דא א ראיה צו די שיטה פונעם **'ערוך לנר'** (יבמות שם) אז כאטש מ'טאר נישט בויען דעם משכן בייناכט, אבער די כלים פון די משכן - און צווישן זיי דער מזבח - מעג מען בויען בייناכט. לויט דעם פארשטייט מען פארוואס מ'דארף מקפיד זיין צודעקן די מעסער ביים בענטשן אויך בייناכט.

'הר צבי' כי תבא

### דער קערפער האט הנאה פון די עסן, און די נשמה פון די ברכה

**"וְעַתָּה נַפְשֵׁנוּ יְבֵשָׁה אֵין כֹּל בִּלְתִּי אֶל הַמָּן עֵינֵינוּ"** (יא ו)

אויב די אידן האבן זיך אפגערעדט אז די מן וואס זיי עסן יעדן טאג איז דאס זעלבע, פארוואס האבן זיי געזאגט: "נַפְשֵׁנוּ יְבֵשָׁה" און נישט 'גופנו יבש'?

**רבי משה יעקב העלין אשכנזי** א תלמיד פונעם רבי ר' העשיל פון קראקא ברענגט א וואונדערליכער ערקלערונג וואס ער האט געהערט אין נאמען פון 'ירושלמי אחד':

אויף דעם לשון הפסוק וואו מיר זענען באפוילן געווארן צו פאסטן אין יום כיפור: (ויקרא טז לא): "וְעִנִּיתֶם אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם" וואונדערט זיך דער זוהר הקדוש (ראה תצוה קפה ב): פארוואס שטייט נישט: 'ועניתם את גופכם', דער קערפער ווערט דאך געפייניגט דורכ'ן פאסטן? נאר דער ענטפער איז: אין די צייט וואס דער קערפער האט הנאה פון די עצם עסן, האט די נשמה הנאה פון די ברכות וואס מ'זאגט פארדעם און נאכדעם, קומט אויס אז אין א טאג וואס מ'טוט פאסטן און מ'זאגט וויניגער ברכות ווערט אויך די נשמה געפייניגט, און וועגן דעם כאפט אן דער פסוק דער לשון.

אויך דא קען מען ערקלערן אז די אידן האבן זיך אפגערעדט אויף דעם וואס איז דער צייט וואס דער קערפער האט הנאה פון די מן - וואס עס האט דאך געהאט אלע טעמים אויף דער וועלט - איז זייער נשמה געבליבן "יְבֵשָׁה אֵין כֹּל", ווייל דורך די מן האט זיי געפעלט אסאך פון די 'ברכות הנהנין'.

א רמז אויף דעם יסוד קען מען טרעפן אין פסוק (דברים ח ג): "וַיְעַנְּךָ וַיַּרְעִבֶךָ וַיַּאֲכִלְךָ אֶת הַמָּן...לְמַעַן הוֹדִיעֲךָ כִּי לֹא עַל הַלֶּחֶם לְבַדּוֹ יִחְיֶה הָאָדָם כִּי עַל כָּל מוֹצָא פִי ה' יִחְיֶה הָאָדָם". דאס וואס די מן איז געווען פאר די אידן ווי א פלאג, כאטש מ'האט געפילט אין דעם די טעם פון אלע ערליי סארטן עסנווארג, איז געווען ווייל: "כי על כל מוצא פי ה'" - אויף די ברכות וואס ווערן געזאגט אויף די עסנווארג, "יחיה האדם".

פירוש 'ידי משה' למדרש, דב"ר ז ד

## מבאר אמונים

פון דער קוואל פון די חכמים איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן

### 'כי עבד נאמן קראת לו'

**"לֹא כֵן עַבְדִּי מֹשֶׁה בְּכָל בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא" (יב ז)**

אין מדרש (שמו"ר נא א) ווערט געברענגט אויפן פסוק: "'אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת' (משלי כח כ)... דאס איז משה וואס ער איז דער נאמן פון הקדוש ברוך הוא, אזוי ווי עס שטייט: 'לֹא כֵן עַבְדִּי מֹשֶׁה בְּכָל בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא'".

ערקלערט האדמו"ר **רבי יחזקאל פון קאזמיר:**

"די חכמים זאגן (ברכות נג ב): 'גדול העונה אמן יותר מן המברך', דער ענין פון אמן איז אז די ברכה וואס דער חבר זאגט זאל מקויים ווערן, און דעריבער דער עיקר איז אז יעדער מענטש זאל ווען אז די ברכה פון זיין חבר זאל מקויים ווערן, און נישט אז ער זאל זיין דער וואס זאגט די ברכה, נאר אז זיין חבר זאל זאגן די ברכה און ער זאל ענטפערן אמן. אויף דעם זאגט דער מדרש: 'איש אמונות - זה משה', וואס איז געווען דער עניו מכל אדם, וועגן דעם האט ער געוואלט אז אלע אידן זאלן זאגן ברכות און ער וועט ענטפערן אמן".

'נחמד מזהב' פקודי

### פארוואס האט משה געזאגט צוויי מאל 'נא'?

**"וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' לֵאמֹר אֵ-ל נָא רְפָא נָא לָהּ"** (יב יג)

פארוואס האט משה רבינו געזאגט צוויי מאל "נָא" ווען ער האט געדאווענט?

עטליכע וועגן זענען געזאגט געווארן אויף דעם:

א. דער **'תרגום אונקלוס'** ערקלערט אז די ערשטע 'נא' איז טייטש 'בעהטן', און די צווייטע איז טייטש 'יעצט'. ערקלערט רבי שלמה קלוגער: אין מסכת שבת (קיט ב) זאגן די חכמים: "כל המבזה תלמידי חכמים אין לו רפואה למכתו". און מ'קען ערקלערן די כוונה, מיר ווייסן אז דער אויבישטער איז מקדים א רפואה צו די מכה (מגילה יג א), אבער עס קען זיין אז דאס איז נאר פאר די וואס זענען מכבד די תורה, אבער דער וואס איז מבזה די לומדי התורה איז נישט זוכה צו דעם. אויך מרים, ווייל זי האט פארשעמט א תלמיד-חכם האט השי"ת נישט מקדים געווען א רפואה בעפאר איר שטראף, און צוליב דעם האט אויסגעפעלט פאר משה ער זאל צולייגן אין זיין תפילה א ספעציעלע בקשה, אז דער אויבישטער זאל **יעצט** באשאפן פאר איר א רפואה.

ב. דער **חיד"א** שרייבט: "איך האב געהערט אין נאמען פון קדמונים, אז פון הימל האט מען איבערגעגעבן דעם סוד פאר משה רבינו; ווען ער וועט דאווענען און דערמאנען צוויי מאל 'נא' אין זיין תפילה - וועט זיין תפילה אנגענומען ווערן".

ג. אין **'פנים יפות'** ערקלערט ער, לויט וואס חז"ל זאגן (ויק"ר י ה): "תפילה עושה מחצה". און כדי זיין תפילה זאל אינגאנצן אנגענומען ווערן, האט ער צוויי מאל געזאגט 'נא'.

ד. האדמו"ר **רבי יצחק אייזיק'ל קאמארנער** טייטש:

עס איז א באקאנטער כלל אז דער וואס איז מכוון אויך אויף צער השכינה, ווערט זיין תפילה מער אנגענומען. אבער, ווייל: "דֹּבֵר שְׁקָרִים לֹא יִכּוֹן לְנֶגֶד עֵינָי" (תהילים קא ז), דעריבער דער וואס איז נישט אין די הויכע מדריגה זאל נישט אזוי טון. אזוי אויך, אויב זיין פריוואטער צער טוט אים מער וויי - זאל ער פריער בעהטן אויף זיין צער, און אויב די צער השכינה טוט אים מער וויי - זאל ער פריער בעהטן אויף צער השכינה, אזוי ווי משה רבינו האט דא געדאונט, פריער האט ער דערמאנט די צער השכינה: "אֵ-ל נָא", און נאר נאכדעם זיין צער: "רְפָא נָא לָהּ".

ה. דער **'כתב סופר'** ערקלערט: ווען מ'בעהט אויף א קראנקן דארף מען בעהטן אז דער אויבישטער זאל אים שיקן א "רפואה שלימה" - אז זיין קערפער זאל אויסגעהיילט ווערן, אבער פון די צווייטע זייט, זאל ער נישט געשטראפט ווערן אנשטאט דעם לעתיד לבוא. און וועגן דעם דאפלען מיר ביי די ברכה 'רפאנו' "רפאנו ה' - ונרפא, הושיענו - ונושעה"; מיר זאלן אויסגעהיילט ווערן און אויך געהאלפן ווערן, סיי אין עולם הזה און סיי אין עולם הבא. צוליב דעם האט משה אויך געדאפלט זיין תפילה ווען ער האט געבעהטן אויף די רפואה פון זיין שוועסטער מרים.

'נחל קדומים' אות כט; 'פנים יפות' ויקרא יג ו; 'אמרי שפר'; 'היכל הברכה'; 'כתב סופר'




### בברכה 'שלמה' ונאמר אמן

דער באקאנטער צדיק רבי **שלמה זלמן** ב"ר **אליעזר בלוך** זצ"ל (נפ' י"א סיון תשל"ו), דער באליבטער תלמיד פון מרן ה'חפץ חיים', האט יעדן אינדערפריה געענטפערט 'אמן' אויף די 'ברכות השחר' פון אסאך פון די מתפללים אין דער 'זכרון משה' שול אין ירושלים - קינדער און ערוואקסענע. אויף דער עלטער פלעגן שלאפן ביי אים אין הויז ישיבה-בחורים, און ער פלעגט ווארטן אז זיי זאלן זיך אויפוועקן, און דעמאלטס האט ער געזאגט פאר זיי די ברכות השחר כדי זיי אלע צוזאמען זאלן ענטפערן אמן.

(א עדות'שאפט פון זיין מקורב הגר"מ שטיינמאן שליט"א)



ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

פנינים וביאורים
על 'ברכת המזון'

## ברכת המזון - די בקשה 'רצה' (ד')

### דער וואס איז מענג דעם שבת ווערט ניצול פון חבלי משיח

אין די פארזעצונג אין די געבעהט פון 'רצה' לייגן מיר צו: "שלא תהא צרה ויגון ואנחה ביום מנוחתנו", און באלד זענען מיר מוסיף: "והראנו ה' אלוקינו בנחמת ציון עירך" וכו'.

מ'קען ערקלערן דער סדר פון די בקשות, מיט דיווארט פונעם שינאווער רב אויף וואס מיר זאגן ביי דעם זמר 'מעין עולם הבא': "כל המתענגים בה יזכו לרוב שמחה, מחבלי משיח יוצלו לברכה...", ווייל עס איז דאך באקאנט אז פאר משיח וועט קומען וועלן זיך פארמערן אויף די אידן שווערע צרות און ביטערע גזירות, און דאס זענען די 'חבלי משיח' וואס אויף זיי האבן די אמוראים געבעהטן: "ייתי ולא איחמיניה" - משיח זאל קומען, אבער זיי זאלן עס נישט זעהן מיט זייערע אויגן (סנהדרין צח ב). אבער אין מסכת שבת (קיח א) שטייט אז דער וואס איז מענג דעם שבת מיט אירע דריי סעודות ווערט גראטעוועט פון די חבלי משיח, און דאס איז די כוונה פונעם פייטן, אז אלע וואס זענען מענג דעם שבת וועלן געראטעוועט ווערן פון די חבלי משיח.

אויך דא קען מען אזוי טייטשן: ווייל מיר זענען באפוילן געווארן "לשבות בו ולנוח בו באהבה כמצות רצונך", און אין דעם איז אריינגערעכנט מענג זיין דעם שבת מיט אירע דריי סעודות, וועלן מיר דאך זיכער זוכה זיין: "שלא תהא צרה ויגון ואנחה" - מיר זאלן נישט ליידן פון די חבלי משיח, אין זכות וואס מיר רוהען "ביום מנוחתנו", און וועגן דעם האבן מיר נישט קיים אפהאלט פון צו בעהטן: "**והראנו ה' אלוקינו** בנחמת ציון עירך" - מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן מיט אונזערע אויגן די גאולה, און מיר וועלן נישט דארפן בעהטן: "ייתי ולא איחמיניה" ('דברי יחזקאל' מאמרי שבת; הגש"פ 'שארית מנחם'; הגש"פ 'קול יהודה' [לר"י סג"ל דייטש] בהגה"ה מבן המחבר).

### המתאבל על ירושלים רואה בשמחתה

דער 'תפארת שלמה' ערקלערט, דער טעם פארוואס שבת קודש איז מען נישט מתאבל אויף ירושלים, ווייל דער הויפט פון אונזער ווילן אויף בנין בית המקדש איז נישט אויף אונזער גשמיות'דיגע טובה, נאר אז די שכינה זאל צוריק קומען רועהן צווישן אונז. און ווייל שבת רוהט די שכינה צווישן די אידן אויך נאכן חורבן אזוי ווי ס'איז געווען אין בית המקדש, דעריבער דארפן מיר נישט קלאגן אין שבת אויפן חורבן.

דעריבער זאגן מיר פריער: "**וברצונך** הניח לנו ה' אלוקינו שלא תהא צרה ויגון ואנחה ביום מנוחתנו", ד.מ.: די סיבה פארוואס מיר קלאגן נישט ביום מנוחתנו, איז צוליב דיין ווילן, ווייל די שכינה געפינט זיך שבת צווישן די אידן אזוי ווי אין די צייטן פון דער בית המקדש, און אדרבה, דווקא ווייל מיר האבן געפילט שבת די השראת השכינה וואס איז געווען פארן חורבן אגאנצע וואך, בהעטן מיר יעצט: "והראנו... בנחמת ציון... ובבנין ירושלים", און דעמאלטס וועט די שכינה רועהן צווישן אונז אויך אגאנצע וואך ('תפארת שלמה' נשא, ע"פ הגש"פ 'בני יהודה').

### 'המקום ינחם אתכם'

מיר ענדיגן די בקשה 'רצה' מיט א דאפלטן לויב: "כי אתה הוא בעל הישועות ובעל הנחמות". דער טעם פארוואס מיר רופן אן דעם אויבערשטן 'בעל הנחמות', איז ווייל א נחמה וואס קומט פון א בשר ודם קען נישט איבערדרייען די שלעכטס אויף וואס ער קלאגט עס זאל ווערן פון דעם גוט'ס און מ'זאל זיך קענען פרייען מיט דעם, אבער די נחמה פון הקדוש ברוך הוא וואס וועט זיין לעתיד לבוא, וועט אונז אויפווייזן אז אויך דער צער וואס איז אריבער אויף אונז איז געווען פאר אונז א טובה, און כאטש היינט ווען מיר זענען אונטער די טבע, זענען מיר נישט מסוגל עס צו זעהן מיט אונזערע אויגן, אבער מיר האבן די הבטחה אז לעתיד לבוא וועט השי"ת פאר אלעמען אנטפלעקן וויאזוי די אלע שוועריקייטן זענען געווען באמת א טובה, און דעמאלטס וועט דאס זיין א אמת'דיגע נחמה. דאס בעהטן מיר: "והראנו ה'" - לעתיד לבוא, "בנחמת ציון" ווען מיר וועלן זעהן מיט אונזערע אויגן וויאזוי אלע צרות זענען בעצם געווען א טובה פאר אונז, "כי אתה הוא... בעל הנחמות" ('שפת אמת' ויצא תרנ"ח, וראה הגש"פ 'ברך משה').

נאך קען מען ערקלערן, אין די טרייסט ווערטער פון א בשר ודם איז פארהאן נאך א פעלער; ער קען מיטן מויל טרייסטן און מחזק זיין א חבר וואס געפינט זיך אין א טרויער, אבער פון די צווייטע זייט קען ער נישט העלפן און אים ארויסנעמען פון זיין קלעם. אבער דער אויבישטער, איז נישט נאר 'בעל הנחמות', נאר אויך א 'בעל הישועות', דעריבער קענען מיר בעהטן פון אים, אז אויסער וואס ער וועט אונז ווייזן 'בנחמת ציון עירך', זאל ער אונז אויך ווייזן 'בבנין ירושלים עיר קדשך' ווייל דעמאלטס וועלן מיר זיך קענען פרייען אזוי ווי אין די פריערדיגע צייטן (הגש"פ 'בני יהודה')

א וואונדערליכער זאך שרייבט דער משגיח רבי אליהו אליעזר דעסלער:

בדרך הטבע קען א מענטש אינגאנצן נישט טרייסטן זיין חבר, אויך אויב ער וועט פארבירן א גאנצן טאג אים טרייסטן, אבער א ספעציעלע מתנה האט השי"ת געגעבן, אז ער אליין גייט טרייסטן די אבלים, און ער מאכט א נס פאר יעדן אבל אז ער היילט אים אויס מיט די טרייסט ווערטער וואס זיינע חברים זאגן, און וועגן דעם באטאנט מען אין דעם נוסח פון מנחם זיין: "**המקום ינחם אתכם**". און וועגן דעם האבן חז"ל געזאגט (פסחים נד ב) אז עס איז גזירה פון השי"ת אז דער מת זאל פארגעסן ווערן פון די הערצער, ווייל אן די גזירה וואלט ער נישט פארגעסן געווארן. דעריבער לויבן מיר: 'כי אתה הוא... בעל הנחמות', אלע נחמות וואס זענען פארהאן אויף דער וועלט קענען נישט טרייסטן נאר ווייל דו האסט אזוי גוזר געווען ('מכתב מאליהו' ח"ד עמ' 342)

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## דבר נאה ומתקבל

די ספעציעלע און וואונדערליכע ערציילונג איז געהערט געווארן פון די בעלת המעשה, אין דער גרויסער צוזאמקום וואס איז פארגעקומען אין בני ברק פאר אלע ארגאנעזירערנ'ס פון דער פראיעקט 'שחר אבקשך' פאר די מיידלעך פון שולע און פון סעמינאר דעם לעצטן חודש ניסן.

זי דינט אלץ א אנפירערן אין עטליכע שולע'ס וואו דארט לערנען אסאך צעהנדליגע מיידלעך וואס האלטן יעצט אין זייערע ערשטע טריטן אין די תורה'דיגע וועלט. די ראמען זענען ברייט באקאנט פאר א ווארימע היים פאר די טייערע טעכטער זיי זאלן קענען וואקסן און שטייגן אין זייער נייע רוחניות'דיגע לעבן, אויפן וועג זיך אנשליסן אין א ריכטיגע תורה'דיגע לעבן און אויפשטעלן ערליכע אידישע הייזער.

און אזוי דערציילט די אנפירערן:

דאס איז געווען אין די פארברייטונג פארן ענדיגן די עלעמענטע קלאסן אין יאר תשע"ח. עטליכע פון די תלמידות וואס האבן געהאלטן פארן ענדיגן די צוועלעפטע יאר אין שולע, אויפן וועג צו פארזעצן זייערע לערנונגען אין די הויכע סעמינארן, זענען צוגעקומען צו מיר און האבן געזאגט אז יעצט איז די פאסיגע צייט אראנזשירן א ספעציעלע שבת פאר אלע מיידלעך בעפאר זיי וועלן זיך צושפרייטן יעדע איינע צו די נייע פלאץ וואס זיי האבן זיך אויסדערוועלט צו פארזעצן דארט זייערע וועגן.

דאס איז געווען א געלונגענער געדאנק וואס מיר האבן שוין געטראכט פון דעם א לאנגע צייט, און יעצט ווען די מיידלעך האבן עס געבעהטן, איז ענדליך אנגעקומען די צייט מ'זאל טון צו די זאך. מיר - די שטאב פון די אנפירערנ'ס און די מחנכות - האבן זיך צוזאמען אוועקגעזעצט אויסשטעלן די פלענער פון דעם שבת, מיטן ציל אז די עררייכונגען וואס וועט ארויסקומען פון דעם זאל זיין מיט די גרעסטע מאס הצלחה, נאך וואס אין לויף פון די יארן וואס זיי האבן זיך מחזק געווען, האבן מיר זיך שטארק צוגעבינדן צו יעדע איינע פון זיי מיט א פערזענליך, און יעצט ווען זיי טון פארזעצן זייער וועג זאלן זיי פון דעם שבת קענען מיטנעמען כוחות וואס זאל זיי באגלייטן אין די וועג ווייטער.

ארגאנעזירן אזא שבת נעמט אין זיך אריין אסאך איינצעלהייטן וואס עס פעלט אויס צו דעם אסאך קאפ און מח, אנגעהויבן פון אויסוועלן א פאסיגע פלאץ, און פארזעצן מיטן ארגאנעזירן די לאגיסטיקע איינצעלהייטן, און ענדיגט זיך מיטן אנפילן די שעות פונעם שבת מיט אינטערסאנטע פראגראמען מיט א רייכן אינהאלט.

אזוי ווי עס איז איינגעפירט ביי אזעלעכע שבתות, איז איינגעלאדנט געווארן א רב וואס איז גוטער רעדנער און טוט אסאך אין קירוב רחוקים, און צווישן זיינע אויפגאבעס דינט ער אויך אלס א מגיד שיעור אין איינס פון די באקאנטע ישיבות פון 'קירוב', ער זאל באגלייטן דעם שבת, און אנפירן די שבת'דיגע סעודות און זיי רייך מאכן מיט א רוחניות'דיגן אינהאלט.

און דא בעצם הייבט זיך אן די ערציילונג:

אסאך צייט בעפאר יענע שבת, איינע פון די שילערנ'ס, א חשובע אידישע טאכטער וואס האט מיטגעמאכט נישט קיין גרינגע וועג ביז זי איז אנגעקומען צו איר ריכטיגן וועג אין די תורה'דיגע וועלט, האט זיך אונטערגענומען מחזק זיין זיך און אויך אירע חבר'טעס מיט די מצוה פון ענטפערן אמן, אין דער ראם פון דער פראיעקט 'שחר אבקשך' וואס ווערט אנגעפירט דורך 'בני אמונים'.

די שילערן האט אויסגעפירט איר אויפגאבע מיט א וואונדערליכע איבערגעגעבנקייט; פון ווען זי האט גענומען אויף איר אנפירן די פראיעקט אין די שולע וואס זי האט געלערנט, האט זי נישט אויפגעהערט פון צו מחזק זיין אירע חבר'טעס מיט די מצוה פון ענטפערן 'אמן', און זי האט אויך געזעהן א געוואלדיגע הצלחה אין אירע אקטיוויטעטן. אויך דעם שבת איז די שילערן געווען באשעפטיגט אין לויף פון די תפילות און די סעודות אין די טעמע וואס איז נאנט צו איר הארץ; אין לויף פון די תפילות און די סעודות איז זי אריבער צווישן די חבר'טעס אויסהערן זייערע ברכות, און זי האט א גאנצע צייט דערמאנט פאר אירע חבר'טעס זיי זאלן ענטפערן אמן און זאגן ברכות הויעך אויפן קול.

אויך ווען די מיידלעך האבן געהאט די געלעגנהייט פרעגן פונעם רב הלכה'דיגע שאלות, זענען אלע שאלות פון די שילערן געווען איבער די טעמע פון ענטפערן אמן.

שבת אינדערפריה האט די מיידל אלעמען איבערראשט מיטן צוגרייטן א אייגענע 'פראגראם'; באלד אינדערפריה איז זי שוין געווען גרייט מיט זעקלעך פול מיט אסאך סארטן נאשערייען, אין אירע הענט האט זי געהאלטן די סידור און האט גערופן אלע מיידלעך זאלן זאגן פאר איר די ברכות השחר, ווען יעדע מיידל נאכן זאגן די ברכות ווען זי ענטפערט אמן, באקומט פון איר א נאש.

די ספעציעלע שבת האט זיך געענדיגט מיט סייעתא דשמיא מיט א אויסערגעווענליכע הצלחה, ווען די 'אמן' איז געווען א גרויסער טייל פון דעם, אין זכות פון די טייערע שילערן.

דער רב וואס האט באגלייט דעם שבת האט שוין געוואלט אהיים גיין, ווען פלוצלינג איז ער צוגעקומען צו אונז און געוואלט נאכפרעגן איבער יענע שילערן. עס זעהט אויס אז אין לויף פונעם שבת האט דער רב באמערקט די ספעציעלע 'געשעפט' וואס זי טוט ארום די מצוה, און דורך דעם איז אים איינגעפאלן א פאסיגן שידוך פאר איר, א בחור פון זיין ישיבה.

די מחנכת האט מיט די גרעסטע פארגעניגן איבערגעגעבן די וויכטיגע איינצעלהייטן, און זי האט אויך דערציילט פארן רב אז די מיידל קומט פון א שטוב וואס איז זייער שוואך געווען אין אידישקייט, וואס דאס שטערט שטארק פאר איר הצלחה אין איר נייע וועג, און וועגן דעם, יעצט ווען זי גייט ארויף אין סעמינאר, וועט זי נישט קענען זיין אינדערהיים, נאר זי וועט דארפן נעכטיגן אין די דארמיטארי פון די סעמינאר, וואס דאס איז נישט אזוי גוט פאר איר צוליב עטליכע זאכן, אז דער שידוך וועט טאקע ווערן, וועט דאס זיין פאר איר א געוואלדיגע ישועה.

דער רב האט צוגעהערט צו די ווערטער מיט גרויסע אינטערעסע און נאכן אויפשרייבן די איינצעלהייטן איז ער אהיים געפארן. אויך אונז, נאך וואס מיר האבן געענדיגט פארפאקן די פעקלעך און באגלייטן די מיידלעך, זענען מיר אהיים געפארן, און דער גאנצער שמועס פונעם שידוך איז פארגעסן געווארן פון אונזער הארץ.

ארום צוויי וואכן שפעטער האט די טעלעפאן אין דער הויז פון די מחנכת געקלינגען, ווען פון די אנדערע זייט האט זיך געהערט די שטימע פון דער געשעצטן רב, עס זעהט אויס אז דער רב האט זיך שטארק אינטערעסירט אויף די מיידל און איר פאמיליע, ער האט אויך גערעדט מיט זיין תלמיד, און לויט זיין מיינונג קען מען פארזעצן די קומענדיגע טריט איבער דעם שידוך...

צוויי וואכן שפעטער איז דער שידוך געשלאסן געווארן צווישן דעם חשוב'ן תלמיד פונעם רב מיט די ספעציעלע אידישע טאכטער, וואס ווי געזאגט איז דער רב זייער באאיינדרוקט געווארן פון איר ספעציעלע פערזעכליכקייט אין זכות וואס זי האט שטארק מקפיד געווען אויף די מצוה פון ענטפערן אמן.

מיר זענען געווען איבערראשט נאכן 'תנאים', ווען די כלה האט געזאגט פאר איר חתן אז אין די נייע הויז וואס זיי וועלן אויפשטעלן, איז נישט קיין ספק אז די מצוה פון ענטפערן אמן וועט זיין א וויכטיגע חלק פון דעם לאורך ימים, ווייל די 'אמן' איז געווען דער יסוד וואס אויף דעם האט זיך עס אנגעהויבן צו בויען...

מיר האבן נישט געקענט באהאלטן די טרערן, ווען מיר האבן געהערט די ווערטער פונעם חתן וואס האט געענטפערט מיט התרגשות: "זיכער, אזוי וועט זיין! אין די ישיבה וואו איך לערן, בין איך דער דעלעגאט פון 'בני אמונים'. אויך טוה איך אסאך מחזק זיין מיינע חברים צו ענטפערן 'אמן' און זאגן די ברכות השחר בחברותא.

עס זעהט אויס אז ווען דער רב האט באמערקט ווי די מיידל איז ספעציעל אויסגעצייכנט אין די מצוה פון ענטפערן אמן, האט ער זיך באלד דערמאנט אין זיין תלמיד וואס איז אויך זייער שטארק אין די מצוה, און צוליב דעם איז אים ארויפגעקומען דער געדאנק זיי משדך זיין, און אזוי איז אויפגעשטעלט געווארן אין דאס אידישע פאלק א וואונדערליכע הויז וואס איז אינגאנצן געבויעט אויף ענטפערן אמן.

א הויז פון 'בני אמונים'.

shay עיצובים